# Forndik nokh  Brayton (Brighton)

Ven Mr un Mrs koen zaynen arayn in tren tsu forn nokh Brayton far zayere *holydays*, hot zi im bavorfn mit frages :
-Bist zikher az du host gut farshlosn di tirn?
-Gants zikher, darling…
-Host bahaltn di zilberne laykhter ?
-Bahaltn mayn neshome…
-Host gezogt dem *lendlord* er zol tsvey vokhn nit kumen nokh rent ?
-Ongezogt, mayn lebn.
-Host gebetn di shkhene zi zol yedn tog gebn esn undzer ketsl ?
-Gebetn,hot er shoyn a bisl umgeduldik geentfert un zikh genumen lezn a tsaytung, mit der hofnung , efsher vet zi im oyfhern nudien…
-Yo, host mitgenumen mayne dimantene oyerringlekh,az men kumt tsvishn mentshn, vilt zikh dokh oykh vayzn az men farmogt epes, farshteyst?
-Yo.Di oyerringlekh,meyle, dos farshtey ikh ,ober tsu vos shlepstu mit zikh dem shvern *fer coat* ? S' iz dokh zumer,un mir forn in *si -sayd* oyf *holydays*.
-Bist an idiot, host nisht keyn seykhl un keyn farshtand !
-Vi azoy ken men oyf zikh trogn aza shvern malbesh hayntike tsaytn ?
Di tsaytung shraybt, az es kumt bald a hits-khvalie.
-Ikh vel zogn az ikh hob a *kold*, un der doktor hot mir gezogt ikh zol zikh varem onton.Dervayl vel ikh hobn a *tshans* tsu vayzn az ikh hob a tayern *fer coat*.
Oyb ikh vel es nisht ton, vet dokh keyner nit visn vos ikh farmog .
Un itst farshteystu shoyn, bayme vos du bist ?
-Itst farshtey ikh shoyn, hot er geshmeykhlt tsu zikh aleyn fun zayn vayb praktsishkeyt…un vayter zikh gemakht lezen.
-Zog nor ,vu hostu ahingeton di *tikets* ?
-Ikh hob zey bay mir in keshene, hot er geentfert mit ayngehaltenem kas.
-Gib zey aher.Bay mir zenen zey zikherer .Ir mener hot dokh farshtopte kep.. Du kenst nokh fargesn vu du host zey ahingeton.
Er hot aroysgenumen di *tikets* fun zayn buzem-keshene un ir derlangt.
Zi hot tsugenumen un fest gehaltn in hant.
Nokh etlekhe minutn shveygn hot zi plutsling oysgeshrign mit a vildn kol, punkt vi es volt an umglik geshen:
-A brokh iz mir, Mexi!..
Er iz oyfgeshpringen, a dershrokener tsum toyt.
-Ikh hob dokh fargesn tsu zogn dem milkh- man, er zol tsvey vokhn nit brengen keyn milkh..
-*Det's olrayt, dir*, ikh hob nit fargesn, un hob im  gezogt,hot er glaykh geentfert, zi tsu baruikn.In der zelber tsayt hot er ir geshtupt di tsaytung in hant, un ir gebetn lezn di letste interesante nayes.
-A dank dir, hot zi geentfert, tsurikshtupendik di tsaytung.Ikh hob nit keyn tsayt tsu azelekhe narishkeytn.Meynst az ikh hob aza gringen kop vi du? Az men fort oyf

*holidays* hot men vikhtike zakhn tsu bazorgn, un men darf haltn in ayn trakhtn, tsi hot men nit epes fargesn, hot zi gezogt, un glaykhtsaytik zikh tsugepudert dos nezl.
-Vest esn a *sandwich*? Hot zi gefregt, oyfmakhndik a pekl mit esnvarg.
-Neyn, ikh hob nit keyn apetit.
-Hoybst shoyn on mit dayne shtik? vest in hotel, vu es kost mikh azoy fil gelt, oykh zogn az du host nit keyn apetit? Meyle, in der heym art mikh nit, ober dort vest bay mir muzn esn, du herst? Krenkn un esn…. Ikh vel nit tsoln keyn gelt far bekhinems. Zi hot mit fardrus ayngepakt di *sandwiches*.

Di *tren* hot zikh a vayl opgeshtelt oyf a stantsie, un es zenen arayn etlekhe amerikaner soldatn in zeyer *department*.
Zi hot zikh oyfgeshtelt, glaykh gemakht ire hor un tualet, batrakht di sheyne gezunte yunge layt, un tsugevorfn a farmakhter blik ir man. A vayle shpeter hot zi oysgefunen az eyner fun zey iz a yid.Zi hot zikh tsugerukt tsu im nenter, un ongefangen a shmues.
-A sheyner tog haynt, a-yo?
-Yes, zeyer sheyn-hot er geentfert heflekh.
-Dakht zikh ir zent a yid?
-Yes, hot er geshmeykhlt, un gekeyt zayn *tshuing- gom*.
- Farheyrat?
-Neyn, nokh nit.
-Ikh veys far vos.. ir zent a proster soldat, di hige meydlekh hobn nor lib ofitsirn-hot zi geshmeykhlt.
-Es ken zayn..ober mikh art nit, ik hob a kale in der heym.
-Fun vanen kumt ir?.
-Fun amerike
-Men zogt az amerike iz a groyse shtot, iz dos emes?
-Amerike iz a land, nit keyn shtot.
-Azoy gor?dos hob ikh nit gevust.To fun velkher shtot kumt ir?
-Fun Tshikago.
-Oy, fun tshikago !zeyer gut! Hot zi im derlangt a klap in pleytse vi an altn khaver.OyB azoy vil ikh aykh epes fregn.Efsher hor ir dort bagegnt mayn bruder ?
-Efsher, vi zet er oys?
-Men zogt az er zet oys punkt vi ikh..
-Neyn, aza parshoyn hob ikh nit bagegnt.Zogt mir, vos iz zayn profesie?
-In London iz er geven a mashiner, un dort iz er a “dzhulery trevler fun bust”..
-Fun aza melokhe hob ikh keynmol nit gehert.
-A shod, un ikh biN geven zikher, az ikh vel fun im opnemen a grus.Ikh hob shoyn zeyer lang fun im nit gehert, un veys nit vos ibertsutrakhtn.
-Vi ruft men im?
-Zayn yiddisher nomen iz khaim, un oyf English ruft men im piter, nokh mayn zeydn..
-Neyn, ikh veys nit, hot der soldat gehoybn mit di pleytses.
Di tren hot zikh opgeshtelt oyf der stantsie Brayton un der oylem hot zikh a loz geton tsu der *platforme*.

Do ersht hot zi bamerkt vi ir man hot zikh arayngerukt in a vinkl un geshmak ayngeshlofn.Es iz ir ongekumen shver biz zi hot im oyfgevekt.
Er hot genumen etlekhe peklekh un aroys.Zi hot zikh dervayl ongeton dem *het*, un vider khapndik a shneln kuk in shpigele, genumen ir hantbaytl un nokhgefolgt ir man.

Baym aroysgang hot der forter oysgeshrign: - *tikets* pliz !..
Zi hot shnel geefnt dem baytl, aroysgekhapt tsvey *tikets*, zey derlangt dem forter, un genumen geyn vayter.
-Ey madam, hot zi der tiket -kolektor tsurikgerufn,ikh vil nit keyn *trem* nokh *tren tikets*, gebndik zey ir tsurik…
S' iz ir shlekht gevorn, a farshemte hot zi genumen zukhn in ale *pokets* un zey nit gekent gefinen.Dos ponim hot ir gebrent fun shande un veytik ,un zi hot zikh tseshrign oyf zayn man,velkher iz geshtanen vi a lemekh.
-Du bist shuldik in dem , shlim -mazel mayner, alts durkh dir !
Ven du volst mikh nit geven *gebodert* mit dayne narishkeytn un mir nit fardreyt dem kop, volt ikh di *tikets* zikher nit farloyrn. Nor vart, hot zi im getrashet, ikh vel zikh shoyn mit dir oprekhenen.derfar vestu shoyn bay mir hobn a *holiday,* az du vest es dayn gantsn lebn gedenken…
Di mase iz gevorn greser, un men hot genumen shrayen fun hintn:
-*Pas along, pliz, pas along*. un men hot zey geshtupt, un geshtoysn fun ale zaytn…
Mr Kohen hot mit hartsveytik aroysgenumen di batrefene sume fun *poket* un batsolt.
Der kolektor hot dos gelt tsugenumen, una sarkatsishn, oder rakhmonesdikn shmeykhl geton.
Mr Koen hot zikh glaykh ongeshtoysn, az der kolektor iz nebekh oykh a farheyrater man…



# פֿאָרנדיק נאָך בריטאָן

ווען מיסטער און מיסעס כהן זײַנען אַרײַן אין טרען צו פֿאָרן נאָך בּריטאָן פֿאַר זײַערע האָלידײַס ,האָט זי אים באַוואָרפֿן מיט פֿראַגעס:
-בּיסט זיכער אַז דו האָסט גוט פֿאַרשלאָסן די טירן?
-גאַנץ זיכער, דאַרלינג...
-האָסט באַהאַלטן די זילבערנע לײַכטער?
- באַהאַלטן, מײַן נשמה ...
-האָסט געזאָגט דעם לענדלאָרד ער זאָל צוויי וואָכן ניט קומען נאָך רענט?
-אָנגעזאָגט מײַן לעבן.
- האָסט געגעבן די שכנה זי זאָל יעדן טאָג געבן עסן אונדזער קעצל?
-געבעטן. האָט ער שוין אַ ביסל אומגעדולדיק געענטפֿערט און זיך גענומען לעזן אַ צײַטונג ,מיט דער האָפֿנונג ,אפֿשר וועט זי אים אויפֿהערן נודיִען...

-יאָ, האָסט מיטגענומען מײַנע דימאַנטענע אויעררינגלעך? אַז מען קומט צווישן מענטשן, ווילט זיך דאָך אויך ווײַזן אַז מען פֿאַרמאָגט עפּעס, פֿאַרשטייסט?
- יאָ. די אויעררינגלעך מילא, דאָס פֿאַרשטיי איך, אָבער צו וואָס שלעפּסטו מיט זיך דעם שווערן פֿער קאָוט ? ס' איז דאָך זומער, און מיר פֿאָרן אין סי- סײַד אויף האָלידײַס...
- בּיסט אַן אידיאָט ! האָסט נישט קיין שׂכל און קיין פֿאַרשטאַנד !.
-ווי אַזוי קען מען אויף זיך טראָגן אַזאַ שווערן מלבוש הײַנטיקע צײַטן? .די צײַטונג שרײַבט אַז עס קומט באַלד אַ היץ -כוואַליע .
-איך וועל זאָגן אַז איך האָב אַ *קאָלד*, און דער דאָקטאָר האָט מיר געזאָגט ,איך זאָל זיך וואַרעם אָנטון. דערווײַל, וועל איך האָבן אַ טשאַנס צו ווײַזן אַז איך האָב אַ טײַערן פֿער קאָוט. אויב איך וועל עס נישט טאָן ,וועט דאָך קיינער ניט וויסן וואָס איך פֿאַרמאָג. און איצט פֿאַרשטייסטו שוין בהמה, וואָס דו ביסט!
- איצט פֿאַרשטיי איך שוין ,האָט ער געשמייכלט צו זיך אַליין פֿון זײַן ווײַבס פּראַקצישקייט... און ווײַטער זיך געמאַכט לעזן.
זאָג נאָר ,ווּ האָסטו אַהין געטאָן די טיקעטס?
-איך האָב זיי בײַ מיר אין קעשענע, האָט ער געענטפֿערט מיט אײַנגעהאַלטענעם כּעס.

-גיב זיי אַהער. בּײַ מיר זענען זיי זיכערער. איר, מענער האָט דאָך פֿאַרשטאָפּטע קעפּ. דו קענסט נאָך פֿאַרגעסן ווּ דו האָסט זיי אַהין געטאָן .
ער האָט אַרויסגענומען די טיקעטס פֿון זײַן בוזעם-קעשענע און איר דערלאַנגט .
זי האָט זיי צוגענומען און פֿעסט געהאַלטן אין האַנט.

נאָך עטלעכע מינוטן שווייגן האָט זי פּלוצלינג אויסגעשריגן מיט אַ ווילדן קול פּונקט ווי עס וואָלט אַן אומגליק געשען :
-אַ בראָך איז מיר מעקסי!..
ער איז אויפֿגעשפּרונגען אַ דערשראָקענער צום טויט .

-איך האָב דאָך פֿאַרגעסן צו זאָגן דעם מילך –מאַן, ער זאָל צוויי וואָכן ניט ברענגען קיין מילך...

-דעט׳ס אָלרײַט,

דיער, איך האָב ניט פֿאַרגעסן ,און האָב אים געזאָגט.

-האָט ער גלײַך געענטפֿערט ,זי צו באַרויִקנין .דער זעלבער צײַט האָט ער איר געשטופּט די צײַטונג אין האַנט, און איר געבעטן לעזן די לעצטע אינטערעסאַנטע נײַעס .

-אַ דאַנק דיר ,האָט זי געענטפֿערט ,צוריקשטופּענדיק די צײַטונג. איך האָב ניט קיין צײַט צו אַזעלעכע נאַרישקייטן .מיינסט אַז איך האָב אַזאַ גרינגען קאָפּ ווי דו? אַז מען פֿאָרט אויף האָלידײַס האָט מען וויכטיקע זאַכן צו באַזאָרגן ,און מען דאַרף האַלטן אין אײַן טראַכטן ,צי האָט מען ניט עפּעס פֿאַרגעסן, האָט זי געזאָגט און גלײַכצײַטיק זיך צוגעפּודערט דאָס נעזל .

-וועסט עסן אַ סענדוויִטש? האָט זי געפֿרעגט ,אויפֿמאַכנדיק אַ פּעקל מיט עסנוואַרג.

- ניין, איך האָב ניט קיין אַפּעטיט .

-הויבסט שוין אָן מיט דײַנע שטיק? וועסט אין האָטעל,ווּ עס קאָסט מיך אַזוי פֿיל געלט, אויך זאָגן אַז דו האָסט ניט קיין אַפּעטיט? מילא ,אין דער היים אַרט מיך ניט, אָבער דאָרט ווערסטו בײַ מיר מוזן עסן. דו הערסט? קרענקן און עסן.. איך וועל ניט צאָלן קיין געלט פֿאַר בחינמ.

זי האָט מיט פֿאַרדרוס אײַנגעפּאַקט די סענדוויִטשעס .די טרען האָט זיך  אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט אויף אַ סטאַנציִע ,און עס זענען אַרײַן עטלעכע אַמעריקאַנער סאָלדאַטן אין זייער דעפּאַרטמענט .

זי האָט זיך אויפֿגעשטעלט, גלײַך געמאַכט אירע האָר און טואַלעט, באַטראַכט די שיינע געזונטע יונגע לײַט, און צוגעוואָרפֿן אַ פֿאַרמאַכטן בליק איר מאַן .אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי אויסגעפֿונענע אַז איינער פֿון זיי איז אַ ייִד.זי האָט זיך צוגערוקט צו אים נענטער ,און אָנגעפֿאַנגען אַ שמועס .

-אַ שיינער טאָג הײַנט ,אַ-יאָ?

- יעס, זייער שיין, האָט ער געענטפֿערט העפֿלעך.

- דאַכט זיך איר זענט אַ ייִד ?

-יעס, האָט ער געשמייכלט ,און געקייט זײַן טשויִנג- גאָם ..

-פֿאַרהייראַט?

-ניין ,נאָך ניט.

- איך ווייס פֿאַר וואָס.. איר זענט אַ פּראָסטער סאָלדאַט, די היגע מיידלעך האָבן נאָר ליב אָפֿיצירן-האָט זי געשמייכלט..

- עס קען זײַן..אָבער מיך אַרט ניט ,איך האָב אַ כּלה אין דער היים.

- פֿון וואַנען קומט איר?

- פֿון אַמעריקע .

-מען זאָגט, אַז אַמעריקע איז אַ גרויסע שטאָט, איז דאָס אמת?

- אַמעריקע איז אַ לאַנד, ניט קיין שטאָט.

- אַזוי גאָר? דאָס האָב איך ניט געוווּסט.טאָ פֿון וועלכער שטאָט קומט איר ?

-פֿון טשיקאַגאָ !

-אוי ,פֿון טשיקאַגאָ! זייער גוט !האָט! זי אים דערלאַנגט אַ קלאַפּ אין פּלייצע ווי אַן אַלטן חבר. אַזוי וויל איך אײַך עפּס פֿרעגן.אפֿשר האָט איר דאָרט באַגעגנט מײַן ברודער?

- אפֿשר ,ווי זעט ער אויס ?

-מען זאָגט אַז ער זעט אויס פונקט ווי איך..
- ניין, אַזאַ פּאַרשוין האָב איך ניט באַגעגנט.זאָגט מיר ,וואָס איז זײַן פּראָפֿעסיִע?
- אין לאָנדאָן איז ער געווען אַ מאַשינער, און דאָרט איז ער אַ "דזשיולערי טרעוולער פֿון בוסט"...
-פֿון אַזאַ מלאָכה האָב איך קיינמאָל ניט געהערט.
- אַ שאָד, און איך בי געווען זיכער אַז איך וועל פֿון אים אָפּנעמען אַ גרוס. איך האָב שוין זייער לאַנג פֿון אים ניט געהערט און ווייס ניט וואָס איבערצוטראַכטן.
- ווי רופֿט מען אים?
- זײַן יִדישער נאָמען איז חיים און אויף ענגליש רופֿט מען אים פּיטער ,נאָך מײַן זיידן.
- ניין איך ווייס ניט ,האָט דער סאָלדאַט געהויבן מיט די פּלייצעס. די טרען האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער סטאַנציִע בֿרײַטאָן,און דער עולם האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער פּלאַטעפֿאָרמע. דאָ ערשט האָט זי באַמערקט ווי איר מאַן האָט זיך אַרײַנגערוקט אין אַ ווינקל און געשמאַק אײַנגעשלאָפֿן.עס איז איר אָנגעקומען שווער ביז זי האָט אים אויפֿגעוועקט .
ער האָט גענומען עטלעכע פּעקלעך און אַרויס.זי האָט זיך דערווײַל אָנגעטאָן דעם העט ,און ווידער כאַפּנדיק אַ שנעלן קוק אין שפּיגעלע ,גענומען איר האַנטבײַטל און נאָכגעפֿאָלגט איר מאַן.
בײַם אַרויסגאַנג האָט דער פּאָרטער אויסגעשריגן:טיקעטס פּליז!..
- זי האָט שנעל געעפֿנט דעם בײַטל, אַרויסגעכאַפּט צוויי טיקעטס, זיי דערלאַנגט דעם פּאָרטער און גענומען גיין ווײַטער .

-איי סעי,מאַדאַם- האָט זי דער טיקעט -קאָלעקטאָר צוריקגערופֿן. איך וויל ניט קיין טרעם נאָך טרען טיקעטס- געבנדיק זיי איר צוריק .

-ס 'איז איר שלעכט געוואָרן. אַ פֿאַרשעמטע האָט זי גענומען זוכן אין אַלע פּאָקעטס, און זיי ניט געקענט געפֿינען.דאָס פּנים האָט איר געברענט פֿון שאַנדע און ווייטיק, און זי האָט זיך צעשריגן אויף איר, מאַן וועלכער איז געשטאַנען ווי אַ למך .

-דו ביסט שולדיק אין דעם, שלים- מזל מײַנער, אַלץ דורך דיר. ווען דו וואָלסט מיך ניט געווען געבאָדערט מיט דײַנע נאַרישקייטן,און מיר ניט פֿאַרדרייט דעם קאָפּ ,וואָלט איך די טיקעטס זיכער ניט פֿאַרלוירן .נאָר וואַרט- האָט זי אים געטראַשעט- איך וועל זיך שוין מיט דיר אָפּרעכענען .דערפֿאַט ועסטו שוין בײַ מיר האָבן אַ האָלידיי, אַז דו וועסט עס דײַן גאַנצן לעבן געדענקען...

די מאַסע איז געוואָרן גרעסער ,און מען האָט גענומען שרײַען פֿון הינטן:- פּאַס אַלאָנג פּליז, פּאַס אַלאָנג -און מען האָט זיי געשטופּט און געשטויסן פֿון אַלע זײַטן...

-מר. כּהן האָט מיט האַרצווייטיק אַרויסגענומען די באַטרעפֿנע סומע פֿון פּאָקעט און באַצאָלט.

דער קאָלעקטאָר האָט דאָס געלט צוגענומען ,און אַ סאַרקאַסטישן, אָדער רחמנות'דיקן שמייכל געטאָן.

מר. כּהן האָט זיך גלײַך אָנגעשטויסן ,אַז דער קאָלעקטאָר איז נעבעך אויך אַ פֿאַרהייראַטער מאַן...

## En route pour Brighton

Quand, pour leurs vacances, Mr et Mme Cohen montèrent dans le train pour Brighton, elle l'assaillit de questions :
-Tu es sur que tu as bien verrouillé la porte ?
-Tout à fait, Darling..
-Tu as caché les chandeliers en argent ?
-Caché, ma douce..
-Tu as dit au propriétaire de ne pas venir toucher le loyer pendant deux semaines ?
-Je lui ai dit, ma vie.
-Tu as demandé à la voisine de donner à manger tous les jours à notre chaton ?
-Je l'ai fait, a-t-il répondu, en marquant son impatience et en commençant à lire un journal en espérant qu'elle arrêterait de l'embêter.
-Oui, tu as pris mes boucles d'oreille en diamant, parce que, quand on est en compagnie de gens, on veut montrer que l'on possède des biens, tu comprends.
-Oui, les boucles d'oreille, d'accord, ça je comprends, mais pourquoi tu traines avec toi un si lourd manteau de fourrure, on est en été et nous partons en vacances au bord de la mer.
-Tu es un idiot, tu ne réfléchis pas et ne comprends rien.
-Comment peut-on porter un vêtement aussi lourd de nos jours ?
-Il est écrit dans le journal qu'il va y avoir une vague de chaleur.
-Je dirais que j'ai pris froid, et que le docteur m'a dit de m'habiller chaudement. J'aurai alors l'occasion de montrer que je possède un manteau de fourrure de valeur. Si je ne le fais pas, personne ne saura ce que je possède. Et maintenant tu comprends, gros lourd que tu es ?
-A présent je comprends, souriant en son for intérieur du caractère pratique de sa femme et reprenant sa lecture.
-Dis-moi, où as-tu fourré les billets ?
-Je les ai mis dans la poche, répond-il d'une colère contenue.
-Donne les- moi. Chez moi, ils seront plus en sécurité. Vous les hommes vous êtes bouchés. Tu pourrais oublier où tu les as mis.
Il sort ses billets de sa poche- poitrine et les lui donne.
Elle les saisit et les tient fermement dans la main.
Après quelques minutes de silence, elle se met à crier, déchainée, comme si un malheur était arrivé :
-Quel malheur Maksou !..
Il saute en l'air, tout effrayé.
-J'ai oublié de dire au laitier qu'il n'apporte pas de lait pendant deux semaines.
-C'est bon, je n'ai pas oublié, je lui ai dit et il a répondu de suite, afin de la calmer.

En même temps, il lui plante le journal dans les mains et lui demande de lire les dernières nouvelles intéressantes.
-Merci, répond-elle, repoussant le journal. Je n’ai pas le temps pour de telles bêtises. Tu penses que j’ai une petite tête  comme toi. Quand on part en vacances, on doit d’occuper de choses importantes et il faut sans cesse se demander si on n’a rien oublié, dit-elle tout en se repoudrant le nez.
-Tu veux manger un sandwich ? demande-t-elle, ouvrant un paquet avec de la nourriture
-Non je n’ai pas d’appétit.
-Tu commences déjà ? Tu vas  aussi me dire que tu n’as pas d’appétit, dans un hôtel qui me coûte tant d’argent? A la maison ça ne me dérange pas, mais,  là- bas tu devras manger, tu entends. Manger à t’en rendre malade. Je ne paye pas pour rien. Contrariée, elle emballe les sandwiches.

Le train s’est arrêté un instant à une gare et des soldats américains pénètrent dans le wagon. Elle se lève, arrange ses cheveux et sa toilette, regarde le jeune homme bien portant et jette un œil à son mari. Quelques instants plus tard, elle découvre que l’un d’entre eux est juif. Elle se rapproche de lui et entame une discussion
-Il fait beau, n’est-ce pas, hein ?
-Oui, très beau répond-il poliment.
-Il me semble que vous êtes juif ?
-Oui, sourit- il, tout en mâchant son chewing -gum…
-Marié ?
-Non, pas encore.
-Je sais pourquoi. Vous n’êtes qu’un simple soldat, les jeunes filles  du pays n’aiment que les officiers sourit-elle.
-C’est possible, mais moi je m’en moque, j’ai une fiancée à la maison.
-D’où venez-vous ?
-D’Amérique
-On dit que l’Amérique est une grande ville, c’est vrai ?
-L’Amérique est un pays, pas une ville.
-Ah bon, ça, je ne le savais pas.
- Et de quelle ville venez-vous ?
-De Chicago
-Oh! De Chicago! Très bien,
Elle lui donne une tape dans le dos comme à un vieil ami.
-Puisque c’est ainsi, je vais vous poser une question. Vous avez peut-être rencontré mon frère là- bas
-Peut-être. De quoi a-t-il l’air ?
-On dit qu’il est exactement comme moi.
-Non, je n’ai rencontré personne comme vous. Dites-moi quelle est sa profession ?

-A Londres, il était machiniste et là- bas ‘’ négociant en bijoux sur poitrine ‘’
-Je n’ai jamais entendu parler d’une telle profession.
-Dommage, et j’étais sûre que vous lui transmettriez mes amitiés. Ça fait longtemps que je n’ai pas entendu parler de lui, et je ne sais que penser.
-Comment s’appelle-t-il ?
-Son nom juif est Haïm, et en anglais, on l’appelle Peter, d’après mon grand -père.
- Non, je ne le connais pas, fait le soldat, en levant les épaules.
Le train s’est arrêté à la gare de Brighton et les gens vont sur le quai.. C’est là qu’elle remarque que son mari s’est niché dans un coin  et dort paisiblement. Cela lui prend beaucoup d ‘effort avant de réussir à le réveiller.
Il prend quelques paquets et sort. Entre -temps, elle  met son chapeau et  jette un bref coup d’œil au miroir, prend son sac à main et suit son mari.
A la sortie, le porteur dit :-  vos billets s’il vous plait..
Elle ouvre rapidement son sac, en ressort deux billets, les donnent au portier et continue son chemin
Le contrôleur la rappelle :-Hé, madame, je ne veux pas de billets de tram, mais de train, en les lui rendant.
Elle ne se sent pas bien. Toute honteuse, elle se met  à fouiller dans toutes ses poches sans réussir à les trouver. De honte et de douleur, elle a une bouffée de chaleur, et elle se met à crier sur son mari qui se tient comme un béta.
-C’est toi le responsable, malheureux, tout est de ta faute si tu ne m ‘avais pas exaspéré avec tes bêtises et si tu ne m’avais pas tourné la tête, je n’aurais surement pas perdu les billets. Attends un peu, dit- elle en le menacant, je vais bientôt te régler ton compte. Ah tu vas en avoir des vacances, tu t’en souviendras toute ta vie.
La foule devenait plus compacte, et derrière on commençait à entendre des cris :
-Avancez, s’il vous plait, avancez, et on la pousse, et on la bouscule de tout cotés.
Mr Cohen sort, le cœur gros l’argent de sa poche et paye.
Le contrôleur prend l’argent, et lui retourne un sourire sarcastique et ironique.
Mr Cohen saisit de suite que le contrôleur  est lui aussi, le pauvre, un homme marié..